MJ Dec. 14, 1928, p. 14

# צאתכם לשלום פאר די תלמידים קאהן און סנאו פון דער ישיבה תורה ודעת ומתיבתא

מיט עטליכע טעג צוריק איז אין ביל־דינג פון דער "מתיבתא", 505 בעדפארד עוועניו, קארנער טיילאר סטריט, ברוק־לין, פארגעקומען די שעהנע און הארצינע "צאתכם לשלום" צו די צוויי תלמידים קאהן און סנאו, פון דער "מתיבתא", בעפאר זייער אפפאהר נאר ארץ ישראל. דער תלמיד ניומאן פון דער מתיבתא איז געווען טשערמאן פון דעם אווענט. די תלמידים ליימאן, דעשאוויץ, לינטשנער און ווילהעלם האבען גע־מאכט איינדרוקספאלע רעדעס אין ענג־ליש לד׳בענדיג די וואונדערבארע אר־ביים פון דער ישיבה. דער תלמיד לינטשנער האט ארומגערעדט די אר־ביים, וואס ווערט יעצט געמהאן צו בוי־ען א קאלאניע אין פאלעסטינא אין נא־מען פון דער מתיבתא. רבי נאלה, פון בארא פארק, א גאסט צום צאתכם לשלום, האט אין זיין רעדע באוואונ־דערט דאס די ישיבה פארמאגט אזעל־כע שעהנע רעגער צווישען איהרע תלמידים. מר. אברהם לואין, פרעזידענט און מר. ווילהעלם, וויס־פרעזידענט, ווי אויך די דירעקטארען פון דער מתיבתא האבען אויסגעדריקט זייער הארציגען וואונש פאר א גליקליכער רייזע צו די אפפאהרענדע תלמידים.

---

פרייז 10 סענט

צו באקומען אויף אלע סטענדס

JEWISH AMERICAN

7 Bowery New York City

## א טריעט פאר די בראנזווילער אידן

## חנוכה קאנצערט

אין דער שוהל חברה בחורים א. א.

## English Theatres